בסייעתא דשמיא

אידיש

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וואכעדיגע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק און גאון
רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.







## אמרות שמשון

### דיני נגעים באַלאנגט פאר כהן און נישט פאר א רב | נגעים קומט צו פאַרצייען אויף עבירות אזוי ווי א מזבח | שטראָף פארן שאדן מאכן דער כהן מיט א קרבן

**אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ שְׂאֵת אוֹ סַפַּחַת אוֹ בַהֶרֶת וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת וְהוּבָא אֶל אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אוֹ אֶל אַחַד מִבָּנָיו הַכֹּהֲנִים (יג, ב):** ביי 'הלכות נגעים וצרעת' טרעפט מען אן אינטערעסאַנטע דין וואס מען געפונט נישט ביי אלע אנדערע הלכות פון איסור והיתר.

די טומאה און טהרה פון נגעים ווענד זיך בלויז אין א כהן און נישט אין א תלמיד חכם וועלכע האט געלערנט און קען די הלכות, אזוי ווי עס איז ביי אלע אנדערע הלכות איסור והיתר.

מען קען ערקלערן די סיבה פארוואס עס ווענד זיך אינעם כהן, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (ברכות ה:), **'נגעים הוי מזבח כפרה'**. נגעים איז געגליכן אזוי ווי די מזבח וואס קומט צו פארצייען אויף די עבירות פון א מענטש. דעריבער פארשטייט מען פארוואס דאס איז געגעבן געווארן פאר כהנים, וויבאלד דאס איז זייער עבודה צו זיין אין ביהמ"ק און מקריב זיין קרבנות פאר כלל ישראל.

❖❖❖

נאך א תירוץ קען מען ענטפערן, לויט ווי עס שטייט אין מדרש (ויק"ר טו, ו): **למה נסמכה קרבן לידה אצל נגעים? אמר הקב"ה, אני אמרתי לך הבא קרבן לידה, ואתה לא עשית כן, חייך !שאני מצריכך לבא אצל כהן שנאמר והובא אל אהרן הכהן'**. פארוואס שטייט די פרשה פון קרבן לידה נעבן די פרשה פון נגעים, וויבאלד דער אויבערשטער האט געזאגט: 'איך האב ענק באפוילן צו ברענגען א קרבן לידה צו דער כהן, און ענק האבן דאס נישט געברענגט. זאג איך צו, ענק וועלן זיך נישט קענען ארויס דרייען דערפון, און ענק וועלן זיך מוזן שטעלן פארן כהן מיט א "נגע", און דער כהן וועט דאס מטמא זיין'.

זעט מען פון דער מדרש, די סיבה פארוואס עס קומט א נגע אויפן מענטש איז צוליב דעם וואס ער האט זיך פאַרנאַכלעסיגט צו ברענגען א קרבן לידה פאר כהן.

לויט דעם פארשטייט מען פארוואס די דינים פון נגעים איז איבערגעגעבן פאר די כהנים, וויבאלד דאס קומט נאר וועגן מ'האט זיי שאָדן געמאכט פון באקומען א קרבן לידה, דעריבער דארף מען זיך יעצט קערן צום כהן ער זאל מטמא און מטהר זיין די נגעים.

(פרשתינו אות ז')

### פשט אינעם מסורה 'נראה לי' | מצורע ווערט אנגערופען 'מת' | חיות פון א מענטש קומט דורך השגות בחכמה | לשון הרע טוט אָפּ השראת השכינה פון כלל ישראל

**וּבָא אֲשֶׁר לוֹ הַבַּיִת וְהִגִּיד לַכֹּהֵן לֵאמֹר כְּנֶגַע נִרְאָה לִי בַּבָּיִת (יד, לה):** מיר געפונען אין חז"ל א מסורה אויף דאסווארט **'נראה לי'** (מסורה באדייט, ווען מ'געפונט אין תנ"ך אז די ווערטער ווערט באנוצט זיך מער ווי איין מאל מיט די זעלבע אויסדרוק).

אין די וואָכעדיגע סדרה ביי א מצורע שטייט: **כנגע 'נראה לי' בבית**. אזוי אויך געפונען מיר א פסוק אין נביא (ירמיה לא, ב): **מרחוק ה' 'נראה לי'**.

מען קען ערקלערן פשט אין די שייכות פון די צוויי פסוקים פונעם מסורה.

דער תרגום 'אונקלוס' אויפן ארט פארטייטשט דאס ווארט 'מצורע' - 'סגירו' (פארשפארט), דאס מיינט עס איז פאַרשפּאַרט געווארן פונעם מצורע אלע אורות און ליכטיגקייטן פון חכמה, וואס א איד קען זוכה זיין און געווענליכע אומשטענדן. אבער עס ווערט פארשפארט און אפגעהאלטן פון דער מצורע.

מיר געפונען א פסוק אין 'קהלת' (ו, י"ב), וואס 'שלמה המלך' זאגט: **וְיִתְרוֹן דַּעַת הַחָכְמָה תְּחַיֶּה בְעָלֶיהָ**. חכמה און פאַרשטאַנד טוט אויפלעבן א מענטש, דאס געבט חיות און לעבדיגקייט פאר די גייסט פון א מענטש.

דאס איז פשט, פארוואס א מצורע ווערט אנגערופען 'מת', וויבאלד מיתה טוט אוועק נעמען די ליכטיגקייט פון דער נפש פון א מענטש. דאס זעלבע איז מיטן מצורע וואס עס ווערט אפגעהאלטן פון אים די אור החכמה (אזוי ווי עס שטייט אינעם אויבנדערמאנטן תרגום אויפן פסוק), דערפאר ווערט ער אנגערופן 'מת'.

מיט דעם קען מען פארשטיין פשט אין די מסורה, די שייכות פון די צוויי פסוקים, **'נגע נראה לי'**, איינער באקומט א נגע. ווערט מען פרעגן, פארוואס קומט אים א נגע? קומט דער צווייטע פסוק און איז מסביר, וויבאלד, **'מרחוק ה' נראה לי'**, ער איז דערווייטערט געווארן פונעם באשעפער און עס איז אים פאַרשפּאַרט געווארן די אורות החכמה.

ווי אזוי פאסירט דאס (אז מען ווערט דערווייטערט פון באשעפער)? עס שטייט אין גמרא (ערכין טו.), 'צרעת' קומט צוליב רעדן לשון הרע, וואס אויף דעם זאגט 'דוד המלך' אין תהלים (נז, ו), ווען עס האט זיך געפונען דלטורין (לשון הרע פלאַפּלער) אין זיין דור. האט דוד המלך געזאגט - **רוּמָה עַל הַשָּׁמַיִם אֱלֹהִים** - די שכינה זאל זיך אפטון פון כלל ישראל.

פארשטייט מען ווי אזוי מען ברענגט צו, אז דער אויבערשטער זאל זיך דערווייטערן, דורכדעם וואס מען רעדט לשון הרע. און נאך וואס דער אויבערשטער וועט דערווייטעט ווערט דער מענטש א מצורע, (אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל אז צרעת קומט צוליב לשון הרע). דאס איז פשט אין די מסורה, **'נגע נראה לי בבית'** קומט צוליב **'מרחוק ה' נראה לי'**.

(פרשת מצורע אות ז')

### די מעשה פונעם רוכל וואס איז ארומגעגאנגען פארקויפן 'סם החיים' | וואס ר' ינאי דערהערט פון די ווערטער פונעם רוכל | לשון הרע גרעניצט זיך מיט מיתה | די הארבסטע נגע קומט צוליב לשון הרע

**זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע וגו' (יד, ב):** דער 'מדרש' אויפן ארט (ויקרא רבה טז, ב), ברענגט א מעשה פון א פעדלער וועלכע איז ארומגייין אין די דערפער און שטעטלעך ארום די שטאט צפורי, און אויסגערופן: 'ווער וויל קויפן א סם וואס מאכט לעבן?'

ווי פאַרשטייט זיך, אזא סלאָגאַן האט אויסגערופן גרויס אינטערעסע און נייגער ביי אלע וואס האבן דאס געהערט. אויף יעדן ארט ווי דער פעדלער איז אנגעקומען און אויסגערופן זיינע מעלדונג, האט זיך געשאַפן א פאַרקער און שטופעניש, עס האבן זיך פאַרזאַמעלט אסאך נייגעריגע מענטשן, וועלנדיג הערן פון די גרויסע געהיימניס וואס דער פעדלער פארמאגט צו פארקויפן, 'א סם צום לעבן!'.

איינמאל האט פאסירט - פארציילט דער מדרש - דער פעדלער איז אנגעקומען צו דער שטאט ווי עס האט געוואוינט דער הייליגער אמורא ר' ינאי. און ווי זיין שטייגער האט ער אויסגערופן זיין אינטערסאנטע אויסרוף, 'ווער וויל קויפן א סם צום לעבן'.

ר' ינאי איז געזיצן אין שטוב פארטיפט אין לערנען, ווען ער האט געהערט די ווערטער פונעם פעדלער האט ער זיך פאַראינטערעסירט אין דעם, און מיט זיין גרויסע ענוה האט ער זיך נישט געשעמט צו רופן דער פעדלער, און אויך געוואלט וויסן וואס איז דער אינטערעסאַנטע סם החיים.

הערנדיג ווי רבי ינאי רופט אים צו, האט דער פעדלער אָפּגעטרעטן מיט יראת הכבוד, און געזאגט: 'נישט דיר האב איך געמיינט. נישט דו און נישט דיינע חברים דארפן צוקומען צו מיינע עצות און סגולות'.


די המשך איז אין עמוד ב'



הוצאת הגליון והפצתו להצלחת צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניניס

אבער ר' ינאי האט זיך פֿאַרט איינגעבעטן ביים פעדלער ער זאל אים ארויסגעבן זיין 'סם החיים', אפשר וועט אים דאס צונוץ קומען.

דער פעדלער האט באַוויליגט ארויפצוקומען צו ר' ינאי אין שטוב, און ארויסגענומען פון שאַנק דער 'ספר תהלים' און אויפגעמישט צו קאפיטל ל"ד (פסוק י"ג), ווי דער משורר שטעלט די פראגע: **מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים אֹהֵב יָמִים לִרְאוֹת טוֹב?** און ענטפערט דערויף: **נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה.**

ווען ר' ינאי האט דאס געהערט האט ער זיך אויסגעדרוקט: 'שלמה המלך' זאגט אויך אַזעלכע ענליכע ווערטער (משלי כא, כג), '**שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ.**'

זאגט ר' ינאי ווייטער: אלע מיינע יארן האב איך געלערנט דער פסוק אין תהלים **מי האיש החפץ חיים וגו'** און נישט געוויסט ווי אזוי דאס צו פארטייטשן. ביז דער פעדלער איז געקומען און ערקלערט 'מי האיש החפץ חיים'. (הביאורים ע"פ ה'ענף יוסף').

❖❖❖

שטעלט זיך די שאלה, וואס האט ר' ינאי נישט פֿאַרשטאַנען אינעם פסוק 'מי האיש החפץ חיים', איידער דער פעדלער איז געקומען? און וואס איז געווען די ערקלערונג פונעם פעדלער?

עס שטייט אין מדרש (תנחומא ב'), אויפן פסוק אין 'משלי' (כא, כג): **שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ. אל תקרי שומר 'מצרות' נפשו אלא שומר 'מצרעת' נפשו'.** דער וואס טוט זיך היטן דאס מויל, ווערט אפגעהיטן פון באקומען צרעת.

ר' ינאי האט שווער געהאט די לשון הפסוק, **שומר מצרות 'נפשו'**, עס וואלט ענדערש געדארפט שטיין, **שומר מצרות 'גופו'**. וויבאלד דער מדרש דרש'ענט פונעם פסוק אז עס גייט ארויף אויף 'צרעת' וואס דאס קומט אויפן גוף פון א מענטש.

נאָך איז שווער, פון פסוק איז משמע אז צרעת קומט נאר אויף א מענטש וואס רעדט לשון הרע, (אזוי ווי דער מדרש דרש'ענט פונעם פסוק 'שומר **מצרעת** נפשו'). אבער אין חז"ל ווערט געברענגט נאך סיבות וואס ברענגט צרעת (ערכין טז.), ווי די גמרא זאגט: **על שבעה דברים נגעים באים וכו'** (לשון הרע, שפיכות דמים, שבועת שוא, גילוי עריות, גסות הרוח, גזל, צרות העין).

דאס איז אלץ געווען ביז דער רוכל איז געקומען, אבער ווען דער רוכל איז געקומען און אויסגערופן: 'ווער וויל קויפן לעבן', און דערנאך ערקלערט זיינע ווערטער צו ר' ינאי. האט ר' ינאי פארשטאנען די טיפקייט פונעם פסוק, רעדן לשון הרע איז נישט נאר פארבינדן מיטן באקומען דער עונש פון 'צרעת', דאס גרעניצט זיך אויך מיט 'מיתה'.

דאס הייסט אזוי, אויסער דער עונש פון באקומען צרעת איז דאס אויך א געפֿאַר פון שטאַרבן. דאן האט ר' ינאי פארשטאנען די באַדייט אינעם פסוק וואס זאגט אז לעבן האט צוטון אויב מען היט אפ דאס מויל.

און עס איז טאקע ריכטיג אז נגעים קען קומען אויף א מענטש צוליב אנדערע סיבות אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל. אבער ער האט פארשטאנען די טיפע דערהער, אז ס'איז פאראן פארשידענע סארט שטאַפלען אין די הארבקייט פון נגעים, אזוי ווי עס איז דא נגעי בתים, נגעי בגדים, וואס איז נישט גלייך איינס צום צווייטן (נגעי בגדים איז הארבער ווי נגעי בתים), דאס זעלבע איז דא ביי נגעי בני אדם וואס איז נישט גלייך איינס צום צווייטן.

און די הארבסטע נגע איז די נגע וואס קומט אויף דער חטא פון לשון הרע, וואס דערצו איז אויך דא א סכנת מיתה, דאקעגן אנדערע נגעי בני אדם זענען נישט אזוי הארב.

דער סיבה פארוואס לשון הרע איז אזוי הארב, איז אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (ערכין טו.), **'המדבר לשון הרע נקרא שכופר בעיקר, ומגדיל עבירות כנגד ג' עבירות חמורות'**. און מיר געפונען נישט אזעלכע האַרבע לשונות ביי אנדערע עבירות, דערפאר איז דער עונש גאר א הארבע עונש.

לויט דעם קען מען פארשטיין די ווערטער פונעם רוכל וואס האט מפרש געווען דעם פסוק **מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים וגו' נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וגו'** דאס גייט ארויף אויפן חטא פון לשון הרע, וויבאלד אין די פסוק איז מרומז די 'סכנת הנפש' ווי עס שטייט 'מי האיש החפץ **'חיים'**, און עס איז אויך מרומז 'סכנת הגוף', ווי עס שטייט **אוהב ימים לראות טוב**.

אויף דעם האט ר' ינאי צוגעלייגט די ווערטער פון 'שלמה המלך': **שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֹׁמֵר מִצָּרוֹת 'נַפְשׁוֹ'**, וואס דאס איז מרמז אויף לשון הרע וואס אין דער חטא איז אויך דא סכנת מיתה, און דערפאר נוצט דער פסוק די לשון **'נפשו'**.

דאס האט דער רוכל מחדש געווען, אז עס איז דא אפאר סארט מדריגות אין נגעי בני אדם און די הארבסטע איז נגעים פון לשון הרע, וואס גרעניצט זיך מיט סכנת הנפש.

(פרשתינו אות ז')

## צרי עין ברענגט צרעת | אפילו פויגלען דערקענען צרי עין | דער פאנגער טוט נישט צוברעכן די פליגלען

**זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע וגו' (יד, ב):** די גמרא אין מסכת ערכין (דף טז.), ברענגט פארשידענע סיבות וואס קען צוברענגען א מענטש זאל באקומען נגעים. איינע פון די זאכן רעכנט די גמרא אויס 'צרי עין' (אומפאַרגינערישקייט).

עס שטייט אין חז"ל (סוטה דף לח:), **אפילו עופות שמים מכירין בצרי עין.** אפילו די פויגלען וואס פליען אין הימל, קענען דערקענען וועלכע מענטש איז א אומפאַרגינער.

שטעלט זיך די פראגע, וועלכע פֿאַרשטאַנד פארמאגט א פויגל צו דערקענען א מענטש וואס איז אן אומפאַרגינער? און וואס פאר א נוצן טוט דאס צוגעבן צום פויגל?

עס שטייט אין גמרא (עירובין דף נד:), כדי די תורה זאל זיך האלטן ביי א מענטש דארף ער דאס פארזיכערן ס'זאל בלייבן. די גמרא שטעלט צו א משל צו א פֿאַנגער וואס פֿאַנגט פויגלען, ווען ס'געלונגט אים צו פאנגען א פויגל, אויב וועט ער צוברעכן די פליגלען וועט זיך דאס פויגל האלטן ביי אים און נישט קענען אוועקפליען, אבער אויב וועט ער גלייך גיין כאַפן א צווייטן איידער ער וועט צוברעכן די פליגלען וועט ער דאס פֿאַרלירן, (עיי"ש).

דאס זעלבע איז מיט דער מענטש וואס האט א שלעכטע אויג (צר עין), און גלוסט געלט פון אנדערע און פרובירט צו פארדינען ווי מער געלט מעגליך. ווען דער מענטש גייט אויסשפרייטן א נעץ צו פאנגען פייגלעך, און עס געלונגט אים צו פאנגען א פויגל וועט ער זיך נישט באַמיען צו צוברעכן די פליגלען נאר ער וועט גלייך פראבירן צו פאנגען א צווייטע פויגל, כדי צו מאכן ווי מער געלט, און ביז דערוויילן וועט דאס ערשטע פויגל וואס פארמאגט נאך פליגלען וועט אַנטרינען ווערן.

די אורזאַך פארוואס א פויגל ווערט געפאנגען, איז צוליב די עסן וואס זי זעט אינעם נעץ, דעריבער פליעט זי דארט אהין און ווערט געפאנגען, אבער אויב זי ווערט געפאנגען און באוויזט נאכדעם אוועקצופליען וועט זי שוין זיין געווארנט, און קיינמאל מער נישט אהינפליען צום נעץ, טראץ וואס זי זעט די עסן אויסגעלייגט.

דאס פאסירט ווען זי ווערט געפאנגען אינעם נעץ פון איינער וואס איז א 'צר עין' און צוברעכט נישט די פליגלען, דעריבער האט די פויגל א מעגליכקייט צו אוועקפליען, און דערמיט באקומט זי דאס קענטעניס פונעם נעץ אז דאס געהערט צו א 'צר עין' און לערנט זיך דערפון קיינמאל מער נישט זיך דענענטערן צו דעם ארט.

(פרשתינו אות ד')

השתתפו עמנו.
יחד נכניס את אור תורת 'זרע שמשון' למקומות נוספים!
בתרומה קבועה או חד פעמית הנכם שותפים
לכל הפצת תורת המחבר בכל העולם
ותראו ישועות ונפלאות
ארץ ישראל: 05271-66450 ארה"ב: 347-496-5657
ניתן לתרום בכרטיס אשראי 24 שעות ביממה
ע"י מערכת ממוחשבת מאובטחת: 02-80-80-500 שלוחה 3

ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.
צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, וישפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו